ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## תוכן הפרקים
לה' חלקים

אידיש

**558**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# תוכן הפרקים

## לויטן סדר פון די פרקים
## פון פרק א׳
## ביז פרק נ״ב

אין דעם תוכן הפרקים ווערן אַראָפּגעבערענגט אַלע יסודות׳דיגע פונקטן פון יעדן פרק באַזונדער, וואס זענען פארצייכנט געוואָרן אין יעדן פרק.

❖❖❖

# תוכן הפרקים

לפי סדר הפרקים

**א.** ער איז מבאר דעם ענין פון מענטשניס באַשאַפונג און ווי מען קען לערנען פון אדם הראשון וואָס איין חטא קען גורם זיין.

**ב.** אין דעם פרק ווערט אַרויסגעברענגט, ווי דער באַשעפער איז מאריך אף, ער האַלט צוריק זיין כעס, פון די רשעים, כדי זיי זאָלן תשובה טוהן. אין דעם פרק רעדט דער מחבר אויך אַרום די מעלות פון דער מדה פון ענוה און די שענדליכע מדה פון גאוה.

**ג.** מוסר פאַרן מענטש אויסצוגלייכן זיינע וועגן, און ווי אַזוי מען קען איבערדרייען די שלעכטע נייגונגען צו מעשים טובים און צו באַקומען שכר פאַר זיי.

**ד.** עצות פאַרן גוף און פאַר דער נשמה ווי אַזוי תשובה צו טוהן, און פיל עצות ווי אַזוי מבטל צו זיין דעם יצר הרע פון עריות.

**ה.** אין דעם פרק ווערט קלאָר דער טעם פאַרוואָס עס זענען דאָ אָרימע און רייכע מענטשן, און מוסר-רייד פאַרן אָרימאַן ער זאָל אַלץ מקבל זיין באהבה.

**ו.** אַ מענטש זאָל זיך נישט מצטער זיין ווען עס קומען ח"ו אויף אים יסורים, און ער זאָל געדענקען אַז עס איז אין זיין האַנט צו שטייגן און זיין גאַנץ נאָך מער ווי די מלאכים, און ער זאָל פאַר זיך איינקויפן יעדע סאָרט גאַנצקייט און סגולות.

**ז.** אין דעם פרק ווערט געברענגט, אַ טייערע תפלה פון דעם רדב"ז, אַ תוכחת מוסר פון דעם חסיד רבינו בחיי, און נאָך.

**ח.** אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, פיל זאַכן וואָס אַ מענטש זאָל געבן צו זיין האַרץ, זיך צו שטאַרקן אויף דעם יצר הרע.

**ט.** אין דעם פרק ווערט געברענגט אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טאָן, און נאָך פיל זאַכן וואָס דער מענטש זאָל נעמען אויפן האַרץ, מתקן צו זיין זיינע וועגן.

**י.** אין דאָזיגן פרק ווערט ערקלערט ווי דער יצר הרע זוכט פאַרשידענע וועגן פון היתר כדי צו מאַכן זינדיגן דעם מענטש, און אַז די זינדיגע זענען איינגעטיילט אויף 20 כיתות.

**יא.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט די מעלה פון דער תורה, און ווי אַזוי די חכמים האָבן אַלץ דערגרייכט דורך די תורה, און די סיבה פאַר די שנאה פון אַן עם הארץ צו דעם תלמיד חכם

**יב.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט אַ סאַך זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף טוהן מכניע צו זיין דעם יצר הרע, און וועגן די שלעכטע מידה פון גאווה וואָס איז דער שורש פון אַלע עבירות.

**יג.** פירונגען פון רבינו הראי״ש ז״ל

**יד.** עס וועלן ערקלערט ווערן אין דעם פרק, זעקס און צוואָנציג צוימען, וואס אַ מענטשן דאַרף זיי טאָן.

**טו.** אין דעם פרק ווערט דערקלערט דער שמועס פון נפש מיטן גוף און פון גוף מיטן יצר הרע, און אויך דער וויכוח פונעם מענטש מיט דער ערד

**טז.** די צוואה פון רבי אליעזר הגדול צו זיין זוהן הורקנוס, מיט נאָך 83 פירונגען און מילי דחסידותא – פון דעם מחבר ז״ל.

**יז.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט די וויכטיגקייט פון חינוך הבנים, די שיינקייט פון די מדה פון ענוה און די שעדליכקייט פון גאוה, ווי אויך וועגן דעם וואס עס געשעט מיט א מענטש איידער ער גייט אַוועק פון דער וועלט.

**יח.** אין דעם פרק ווערט אַראָפּגעברענגט אַ תפילה פאַר דעם וואָס וויל תשובה טוהן, און אויך די דינים פון דעם מענטש און זיינע קינדער, און וועגן די רוחות.

**יט.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט די פאַרשידענע תיקונים פון תשובה

**כ.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט אַז כדי צו קויפן שלימות פאַר די נשמה, זאָל דער מענטש נישט אָפּטוהן פון זיין מחשבה דעם סוף פון יעדער זאַך, און דאַן וועט ער זען אַז זיי זענען נאַרישקייטן.

**כא.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט, דער סדר פון יום המיתה און די קבורה; אַ תחינה דרך ווידוי וואָס דאַרף זיין געוואוינט אין מויל פון דעם מענטש; ווען די שאַנד פון די מדה פון כעס

**כב.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לערנען פון דיביימער, געוויקסן און בעלי חיים, ווי צו דינען דעם אויבערשטן.

**כג.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט 17 תנאים מקיים צו זיין די מצוות און זאַכן וואָס זענען מעורר דעם מענטש מורא צו האָבן פון דעם אויבערשטן (פון בעל הרוקח).

**כד.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט פאַרשידענע תנאים און גוטע פירונגען, וויאַזוי אַ ערליכע פרוי זאָל זיך פירן.

**כה.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט מוסר רייד פאַר דעם עושר, און דער וועג פאַר דעם מענטש וואָס האָט נישט ווער עס זאָל אים פירן אויף דעם גוטן און גלייכן וועג.

**כו.** אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן די ענינים פון גיהנם און גן-עדן פון אויבן און אונטן, אויך דער ענין פון נהר דינור.

**כז.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט די סיבות וואָס זענען גורם אַלע עבירות און פאַרמיידן פון אַ מענטש די וועגן פון תשובה; דער ענין פון "שובו בנים חוץ מאחר"; אַ מסירת מודעה וואָס אַ מענטש זאָל זאָגן איידער ער שטאַרבט.

**כח.** אין דעם פרק ווערן געברענגט פאַרשידענע מוסר רייד אויף אַ מליצה'דיגן אופן פון דעם ספר "התפוח"

**כט.** אין דעם פרק ווערן געברענגט נאָך מוסר רייד, און מאמרים פון דעם ספר התפוח.

**ל.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט, די פליכט וואָס ליגט אויף דעם מענטש מקיים צו זיין אַלע מצוות, און אויך די מעלה פון גמילות חסדים.

**לא.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט אַ סאַך זאַכן וואָס העלפן אַלס אַ שמירה און אַז די תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן. אויך ווערט אַרומגערעדט דער ענין פון גיין דאַווענען אין שוהל.

**לב.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט די ברכות און גוטע זאַכן וואָס קומען אויף דעם מענטש ווען ער טוט די מצוות פון דעם אויבערשטן, ווי אויך די שטראָף און קללות ח״ו ווען ער איז עובר אויף די מצוות פון דעם אויבערשטן.

**לג.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט, דער פגם וואָס דער מענטש איז גורם אין די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן אויב ער זינדיגט ח״ו, און וויפיל פרייד עס דערגרייכט צו זיי אויב ער איז מקיים די מצוות פון דעם אויבערשטן.

**לד.** אין דעם פרק ווערן געברענגט מוסר רייד פאַר די חזנים, שליחי ציבור, און די חיובים וואס ליגן אויף זיי.

**לה.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט דער סוד פון דעם קלייד וואָס ווערט געמאַכט פאַר אַ מענטש פון די מצוות וואָס ער איז מקיים, און פון זיינע טעג.

**לו.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט אַ סאַך וואָרענונגען פאַר דעם שוחט, און די מעלה פון אַ שוחט וואָס איז אַ ירא שמים און קערט זיך אָפּ פון טוהן שלעכטס.

**לז.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט, די מעלה פון שלום, און די שאַנד פון מחלוקת.

**לח.** אין דעם פרק ווערן ערקלערט, אַסאַך זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף לייגן אויף זיין האַרץ כדי ער זאָל נישט זינדיגן.

**לט.** אין דעם דאָזיגן פרק ווערט ערקלערט, די מעלה פון דעם צדיק און זיינע נעמען, לויט זיינע גוטע מעשים, און פאַרקערט ביי אַ רשע.

**מ.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט פערציג זאַכן, וואָס העלפן צום גוף און צו דער נשמה, פון ספר יש נוחלין, ווי אויך פון אַנדערע ספרים.

**מא.** אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, די חיוב פון דעם מענטש, צו לערנען אַלע חלקים פון די תורה.

**מב.** אין דעם פרק וועט אַרומגערעדט ווערן וועגן די וועלכע שפעטן (לאַכן) אַסאַך און זענען מבטל פון לערנען תורה, זאָגנדיג אַז דאָס פאַרשאַרפט דעם שכל, און אַ שטאַרקע תוכחה צו די וועלכע פאַרטרייבן תלמידי חכמים פון זייערע וואוינונגען.

**מג.** אין דעם פרק וועט אַרומגערעדט ווערן קעגן די וועלכע רעדן דברים בטלים און ניבול פה, און די סיבות וועלכע ברענגען דערצו.

**מד.** אין דעם פרק וועט געגעבן ווערן תקונים און עצות וועגן אָפּהיטן דעם ברית, און עטליכע זאַכן וואָס האַלטן אָפּ דעם מענטש פון זינדיגן.

**מה.** אין דעם פרק וועט אַרומגערעדט ווערן, צוויי און צוואָנציג זאַכן וואָס דער מענטש זאָל אָפּהיטן, און דער וועלכער קען נישט אָפּהיטן אַלע.

**מו.** אין דעם פרק וועט אַרומגערעדט ווערן, ווי דער גאַנצער באַשאַף, פון אויבן און פון אונטן, זענען מרומז אין דעם מענטש.

**מז.** עס וועט ערקלערט ווערן פאַרוואָס דער מאַלפּע איז טיילווייז ענליך צום מענטשן, אַז דער מענטש זאָל נעמען מוסר פון אַ

מאַלפע נאָכצומאַכן דעם באַשעפער אין מצות און מעשים טובים פונקט ווי דער מאַלפע מאַכט נאָך דעם מענטשן.

**מח.** אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, אַז דער מענטש זאָל זיך לערנען מוסר פון אַ קינד אויף צו דינען דעם באַשעפער און ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר די אָפּלאַכער.

**מט.** אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, דאָס שלעכטס וואָס דער מענטש פאַראורזאַכט צו דעם גאַנצן באַשאַף, ווען ער זינדיגט, און ער האַלט אָפּ די גאולה דורך די זינד.

**נ.** אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, די שמועס פונעם מענטש מיט די איברים פון זיין און נפש, איבער דעם צער וואָס ער איז זיי גורם מיט זיין זינדיגן.

**נא.** אַ מענטש זאָל נישט אַוועקגעבן זיין צייט אויף זוכן קצין (זמנים), ווען די גאולה וועט קומען, ער זאָל נאָר אַריינטאָן אין האַרץ דעם פרינציפּ פון גלויבן אין דעם קומען פון דעם גואל, און זאָל שטרעבן עס זאָל זיין אין זיין צייט, אַז ער זאָל דערגרייכן שלימות פאַר זיין גוף און נפש.

**נב.** אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, די מעלה פון ענוה. די געשיכטע פון אברהם אבינו מיט נמרוד. דער ביאור פון צדיק ורע לו.